**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/3/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנאר האקול מעלדט היסטארישע אפמאך צו הייבן ניו יארק'ס מינימום וועידזש און אינדעקס צו אינפלעישאן אלס טייל פון FY 2024 בודזשעט

***אנגעהויבן אין 2024, וועט ניו יארק סטעיט הייבן די מינימום וועידזש צו $16 אין ניו יארק סיטי, לאנג איילענד, און וועסטשעסטער און $15 ערגעץ אנדערש אינעם סטעיט, נאכגעפאלגט מיט $0.50 יערליכע העכערונגען אין 2025 און 2026***

***אנגעהויבן אין 2027, וועט די מינימום וועידזש זיך הייבן יערליך לויט די קאנסומער פרייז אינדעקס***

***בויט אויפן גאווערנאר'ס געטריישאפט צו שאפן א מער אפארדעבל, מער וואוינבארער ניו יארק***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט, אז די FY 2024 בודזשעט אפמאך נעמט אריין א טראנספארמאטיווע פלאן צו העלפן ניו יארק'ערס וואס פארדינען ווינציג צו דעקן דעם ארויפגאנג פון לעבנס קאסטן מיטן הייבן ניו יארק'ס מינימום וועידזש פאר דריי יאר און דאן בינדן צוקונפטיגע העכערונגען צו אינפלאציע. אום יאנואר 1, 2024, וועט דער מינימום וועידזש זיך הייבן צו $16 אין ניו יארק סיטי און די קאונטיס פון נאסאו, סופאָלק, און וועסטשעסטער, און צו $15 אין אלע אנדערע טיילן פונעם סטעיט. אין 2025 און 2026, וועט דער מינימום וועידזש זיך פארמערן מיט נאך $0.50 אין יעדן יאר, נאך וואס די סטעיט'ס מינימום וועידזש וועט פארגרעסערט ווערן מיט א ראטע וואס ווערט באשטימט דורך די קאנסומער פרייז אינדעקס פאר אורבען וועידזש פארדינערס און קלעריקל ארבעטער (CPI - W) פאר די צפון-מזרח רעגיאן - דאס בעסטע רעגיאנעלע מעסטער פון אינפלאציע. הייבן ניו יארק'ס מינימום וועידזש כדי זיך צו האלטן אין שפאן פון אינפלעישאן וועט בענעפיטירן הונדערטער טויזנטער מינימום וועידזש ארבייטערס איבער די ניו יארק סטעיט.

"אויסשטייענדיג כסדר-שטייגנדע קאסטן און אינפלעישאן, וועט די היסטארישע פלאן צו איבערמאכן ניו יארק'ס מינימום וועידזש פארזיכערן אז די וועידזשעס פון די וועלכע זענען דאס שווערסטע באטראפן געווארן דורך די אפארדיביליטי קריזיס - אריינגערעכנט פרויען, איינצלנע מאמעס, און מענטשן מיט טונקעלע הויט - זיך האלטן אין שפאן מיט די לעבנס-קאסטן, " **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דאס איז א געווינס פאר ארבעטערס און פאר ביזנעסער: אינדעקס'ן דעם מינימום וועידזש צו אינפלעישאן וועט העלפן הונדערטער טויזנטער ניו יארקער אנהאלטן זייער איינקויף מאכט, ביישטייערן צו די סטעיט עקאנאמיע, און שטיצן אונזער קליינע ביזנעס קאמיוניטי. דער בודזשעט באשטעטיגט ווידער מיין אדמיניסטראציע'ס געטריישאפט צו אדרעסירן די אפארדיביליטי קריזיס פאר ארבעטער און ביזנעסער, און איך וועל ווייטער ארבעטן נאנט אינאיינעם מיט די לעגיסלאטור אויף לעזונגען צו צושטעלן פאר ניו יארקער פארלייכטערונג."

נאכפאלגנדיג דריי יאר פון באשטימטע וואוקס אין 2024, 2025 און 2026, וועט אנגעהויבן יאנואר 1, 2027 ניו יארק סטעיט הייבן איר מינימום וועידזש מיטן דריי-יאר פארמערונג דורכשניט אויפן CPI-W

פאר די נארט-איסט ראיאן. אן "ארויסגאנג" ווערט ערלויבט אין פאל פון עוויסע עקאנאמישע אדער בודזשעט אומשטענדן.

באזירן דעם מינימום ווערידזש צו די אינפלאציע וועט העלפן צו אנהאלטן דעם כח פון איינקויפן פון די ארבייטער'ס ווערידזשעס פון יאר צו יאר. און פארגרעסערן די מינימום ווערידזש וועט אויסטערליש בענעפיטירן שוואכע-אינקאם ארבייטערס, באזונדער פרויען און קאלירטע מענטשן וואס זיינען דער גרעסערער טייל פון די מינימום ווערידזש ארבייטערס.

אכצן אנדערע סטעיטס אדער בינדן זיי היינט זייער מינימום ווערידזש צו די אינפלאציע אדער אן אנדער עקאנאמישע פארמאט אדער פלאנען זיי צו טון אזוי, אריינעמיג דריי סטעיטס וועלכע האבן מינימום ווערידזשעס פון אדער איבער $15 אין 2023. עקאנאמישע נאכפארש באווייזט אז דאס הייבן דעם מינימום ווערידזש קען ברענגען צו פארמינערן ארעמקייט, פארמינערן סאשעל הילף אויסגאבן, מוטיגן דאס שפענדן, פארבעסערן ארבייטס פראדוקציע, און אנדערע געווינסן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן